**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/27/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט BRASS QUEENS געוואונט סאמע ערשטע MTA 'מוזיק אונטער ניו יארק' פאסאנזשירן'ס אויסוואהל אויסצייכענונג**

***גאווערנער האקול, MTA פארזיצער דזשענאָ ליעבער און WE♡NYC זענען זיך צוזאמגעקומען אין טיימס סקווער צו פייערן פייעליסטן און אנטפלעקן געווינער פון פאסאנזשירן'ס אויסוואהל אויסצייכענונג***

***פרויען טראמפייטער בענד געוואונט די אויסצייכענונג***

***Brass Queens וועט באקומען א רעקארדירונג סעסיע ביי Atlantic Records***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די געווינער פון די סאמע ערשטע WE♡NYC פאסאנזשירן'ס אויסוואהל אויסצייכענונג וואס האט פארבעטן ניו יארקער צו שטימען פאר זייער באליבטע סאָבוועי מוזיקאנט פון די MTA'ס 'מוזיק אונטער ניו יארק' ליסטע. גאווערנער האקול איז אויך באגלייט געווארן אין טיימס סקווער דורך MTA פארזיצער און CEO, דזשענאָ ליעבער, און דורך פארשטייער פון Partnership for New York City, ברוקלי-געבוירענע מוזיקאנט עניסא וואס רעקארדירט אין Atlantic Records און דורך אנדערע צו אויסגעפונען וועלכע גאסן מוזיקאנט די פאסאנזשירן זענען די מערסטע באגייסטערט צו אנטרעפן ווען זיי פארן אויף די סאָבוועי. נאך א וואך פון עפנטליכע וואלן, האט [Brass Queens](#) געוואונען די גרענד פרייז באקומענדיג 55.7 פראצענט ארויס פון די איבער 55,000 שטימעס וועלכע זענען געמאכט געווארן, און זיי וועלן באקומען א רעקארדירונג סעסיע ביי Atlantic Records.

"די פארמעסט פייערט די סאָבוועי און מוזיק — צוויי וועזנטליכע חקלים פון די מאטעריאל פון וואס ניו יארק איז געמאכט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "Brass Queens איז א מוסטער פון וואס עס מיינט צו זיין א ניו יארקער, און איך בין באגייסטערט זיי צו זעהן באאיינדרוקנדיג טעגליכע פאסאנזשירן און טוריסטן צוגלייך אריבער די סאָבוועי סיסטעם מיט זייערע געוואלדיגע קולות."

Brass Queens איז א טראמפייטער בענד, און אלע אירע טראמפייטער שפילער זענען פרויען, און זיי מישן אויס 'פאָנק', 'סאָול" און 'היפ-האָפ' וואס מאכט נאך די ניו ארליענס טראדיציע פון די 'צווייטע שורה פון די פאראדע'. זיי זענען באקאנט פארן שפילן אויף אן ענערגעטישן אויפן און פאר זייער מיסיע צו באפולמעכטיגן פרויען דורך מוזיק. Brass Queens'ס 'פראפיל' ווידעא קען געזעהן ווערן [דא](#).

די פאסאנזשירן'ס אויסוואהל אויסצייכענונג איז אוועקגעשטעלט געווארן דורך די WE♡NYC קאמפיין. עס שיינט ארויף א ליכט אויף די מויזקאנטן וועלכע האבן זיך פארדינט גלוסטיגע פלעצער אין די MTA'ס 'מוזיק אונטער ניו יארק' פראגראם וואס ברענגט א פרייד צו ניו יארקער'ס טעגליכע רייזעס זינט עס איז געווארן א חלק פון די MTA קונסט און דעזיין (Arts & Design) אין 1987. צום ערשטן מאל האבן טראנספארטאציע פאסאנזשירן געהאט די געלעגנהייט צו אויסוועהלן זייער באליבטע פון צווישן דריי

מוזיקאַלישע פאַרשטעלונגען וועלכע זענען אַ חלק פון די ערשטע נייע גרופּע פון שפּילער וועלכע זענען אויסדערוועהלט געוואָרן פאַר דעם פּראָגראַם זינט די אָנהויב פון די פּאַנדעמיע אין 2020.

אַלע דריי פון די פאַסאַנזשירן'ס אויסוואַהל פיינעליסטן שפּיגלען אָפּ טייל פון די סיטי'ס מערסטע באַגייסטערנדע און פאַרשידנאַרטיגע מוזיקאַלישע טאַלאַנט, און זיי קענען געזעהן ווערן שפּילנדיג אַריבער די סיטי'ס סאָבוועי נעטוואָרק דעם יאָר. די אַנדערע פיינעליסטן וועלכע האָבן זיך פאַרמאָסטן פאַר די פאַסאַנזשירן'ס אויסוואַהל אויסצייכענונג זענען געווען:

- [Afro Dominicano](#) — אַ 'לעטין פיוזשען' בענד וואָס מישט צוזאַם טראַדיציאָנאַלע דאָמיניקאַנע פאָלק מוזיק מיט אַפריקאַנער-קאַריביאַנער 'סאָול' מוזיק. זיי זענען באַקאַנט פאַר זייערע ענערגעטישע 'ריף' ליניעס און ראָמאַנטישע שטייטע לידער. Afro Dominicano's 'פּראָפיל' ווידעא קען געזעהן ווערן [דאָ](#).
- [אוידזשי בעלאָו](#) — אַן אינסטרומענט שפּילער, זינגער, פּראָדוסער און ליד קאָמפּאָזיטאָר, באַקאַנט פאַר זיינע ענערגעטישע לעבעדיגע סעקסאָפאָן שפּילעריי אויף די גאַסער פון די סיטי. אוידזשי בעלאָו'ס 'פּראָפיל' ווידעא קען געזעהן ווערן [דאָ](#).

די פאַרזאַמלונג פאַר די אָנאָנס פון די אויסצייכענונג געוואונער איז אָרגאַניזירט געוואָרן צוזאַמען מיט Times Square Alliance.

**MTA פּאַרזיצער און CEO, דזשענאָו ליעבער, האָט געזאָגט,** "מוזיק אונטער ניו יאָרק איז אַ פּלאַטפאָרמע – די איינציגסטע פון די סאָרט – פאַר מוזיקאַנטן אין די סיטי, און היינט, צום ערשטן מאָל זינט דער פּראָגראַם האָט זיך אָנגעהויבן אין 1987, האָבן ניו יאָרקער געשטימט פאַר זייער באַליבטע שפּילער. אַלע די שפּילער שפּיגלען אָפּ די געוואַלדיגע לעבעדיגקייט וואָס ניו יאָרקער גייען אַריבער אין די טראַנספּאָרטאַציע סיסטעם."

**MTA קונסט און דעזיין דירעקטאָרין, סאַנדראַ בלאַדוואָרט, האָט געזאָגט,** "יעדע מוזיקאַלישע פאַרשטעלונג דורכאויס די וועג, צו עס איז היינט אָדער ביי די 'אוידישענס' וואָס זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן עטליכע וואָכן צוריק, שפּיגלט אָפּ די פאַרשידנאַרטיגקייט פון ניו יאָרק, און עס איז באמת אַן ערפאַרונג צו געדענקן. איך בין באַגייסטערט צו פייערן מוזיק אונטער ניו יאָרק'ס סאַמע ערשטע פאַסאַנזשירן'ס אויסוואַהל געוואונער, און איך בין באַגייסטערט פאַר אַלע שפּילער וועלכע זענען ניי צו דעם פּראָגראַם וועלכע קענען טוהן דאָס וואָס זיי האָבן ליב אין די בעסטע זאַל וואָס קען נאָר זיין — אַ סיטי מיט אַן אומאויפהערליכע פאַרשטאַנד פאַר טאַלאַנט."

**Partnership for New York City פּרעזידענט און CEO, קעטערין ווייל̈ד, האָט געזאָגט,** "WE♡NYC איז איבערגעגעבן צו אַרויסווייזן די אויסערגעוועהנליכע אייגנשאַפטן פון ניו יאָרק סיטי און אירע איינוואוינער. Brass Queens איז אַ געוואַלדיגע ביישפּיל פון די טאַלאַנט מיט וואָס ניו יאָרקער וועלן זיך אָנטרעפן בלויז דורכן נעמען די סאָבוועי. מיר גראַטולירן פון טיפן האַרצן Brass Queens און אונזערע אַנדערע פיינעליסטן וועמען'ס פעהיגקייט און ליבאַשאַפט פון שפּילן מוזיק העלפן מאַכן ניו יאָרק פאַר אַ מער פריילעכע פּלאַץ צו זיין, און מיר באַדאַנקען די טויזנטע ניו יאָרקער וועלכע האָבן געשטימט פאַר זייער פאַסאַנזשירן'ס אויסוואַהל."

די פאַסאַנזשירן'ס אויסוואַהל אויסצייכענונג איז דער לעצטער פּראָיעקט צו אַנטוויקלט און ערמעגליכט ווערן דורך WE♡NYC, אַ נייע קאַמפּיין וואָס איז פינאַנצירט געוואָרן דורך די מיטגלידער פון די Partnership for New York City צו מוטיגן ניו יאָרקער צו אַרויסווייזן זייער ליבשאַפט פון די סיטי דורך בירגערליכע אַקטיוויטעטן און קאַמיוניטי באַטייליגונג.

'MTA מוזיק' האט מער פון 350 מוזיקאנטן וואס שפילן קלאסישע מוזיק אויף סטרינגס, דזשעז בענדס, וועלטליכע מוזיק בענדס, פאלק מוזיק, כארס, זינגער און קאמפאזיטארן און מער, נוצנדיג א ברייטע רייע פון אינסטרומענטן, ווי צום ביישפיל די 'קאורע' פון גאמביע, קארעאנע פויק, מערב אינדיאנע שטאלענע פויקן, רערן פון די אנדען לענדער, די טשעלאו פון קעידזשון, קעלטישע און באראק הארפ, גיטאר, פידל, סטרונעס טיש און מוזיקאלישע זעגן. מוזיקאנטן ווערן ערלויבט צו שפילן ביי 43 MTA מוזיק לאקאציעס אריבער די טראנספארטאציע סיסטעם, אריינרעכענענדיג סאָבוועי סטאנציעס און MTA פאסאנזשיר באן טערמינאלן און ביי די סטעטן איילענד פערי טערמינאל. MTA קונסט און דעזיין שטעלט פאר מער פון 7,500 מוזיקאלישע פארשטעלונגען אין די טראנספארטאציע סיסטעם יעדעס יאר. די מוזיקאנטן שפילן אין דעזיגנירטע לאקאציעס מיט א סימבאל פון די 'מוזיק אונטער ניו יארק' וואס האט זייער נאמען און די לאגא פון די מוזיק אונטער ניו יארק אויף עס.

צום ערשטן מאל זינט די קאוויד-19 פאנדעמיע האט די MTA אויסדערוועהלט א נייע גרופע פון 24 MTA מוזיק שפילער צו שפילן אונטער איר סימבאל. די ערשטיגע אוידישענס זענען אפגעהאלטן געווארן דורך MTA קונסט און דעזיין — די קערפערשאפט וואס אראנזשירט קונסטווערק און פארשטעלונגען אין די MTA נעטווארק. פערציג פארשטעלונגען זענען ארויפגעקומען פאר אוידישען ביי גרענד צענטראל מעדיסאן אום יוני 28 ארויס פון 128 וועלכע האבן אפּלייט צו אין באטראכט גענומען ווערן פאר די געלעגנהייט. די אוידישענס וועלכע פלעגן נארמאל זיין א יערליכע געשעעניש זענען געווען די ערשטע צו אפגעהאלטן ווערן זינט 2019, און די 33'סטע צו אפגעהאלטן ווערן זינט MTA מוזיק איז געווען א פראגראם פון די קונס און דעזיין אין 1987. דאס איז געווען די ערשטע מאל וואס די פובליקום האט געקענט שטימען פאר זייער באליבטע MTA מוזיק שפילער.

**איבער MTA קונסט און דעזיין**

MTA קונסט און דעזיין ציהט צו מענטשן זיך צו באנוצן מיט פובליק טראנספארטאציע דורכן ארומלייגן קונסטווערק און אראנזשירן פארשטעלונגען אין די ניו יארק מעטראפאליטען ראיאן. דער 'פראצענט פאר קונסט' (Percent for Art) פראגראם איז איינס פון די גרעסטע און מערסטע פארשידנארטיגע זאמלונגען פון פובליק קונסטווערק געמאכט ספעציעל פאר די פלאץ וואו זיי זענען אוועקגעשטעלט, מיט מער פון 350 אריינגעגעבענע ווערק דורך וועלט-בארימטע קונסטלער, אזעלכע וועלכע זענען אינמיטן זייער קאריערע און אזוי אויך פרישע קונסטלער. קונסט און דעזיין פראדוצירט ליפלעטן, דיגיטאלע קונסטווערק, פאטאגראפישע 'ליכט קעסטלעך' אויסשטעלונגען און אזוי אויך לעבעדיגע מוזיקאלישע פארשטעלונגען אין סטאנציעס דורך איר מוזיק אונטער ניו יארק ('MTA מוזיק') פראגראם און דורך דעם 'דיכטונג אין באוועגונג' (Poetry in Motion) פראגראם אין צוזאמענארבעט מיט די Poetry Society of America. עס באדינט מיליאנען מענטשן וועלכע פארלאזן זיך אויף MTA סאָבוועיס און אויף פאסאנזשיר באנען, און עס שטרעבט צו שאפן באדייטפולע פארבינדונגען צווישן פלעצער, געגנטער און מענטשן. צו לערנען מער, באזוכט mta.info/art אדער פאַלאָוט אויף Twitter אויף @MTAArtsDesign.

**איבער WE♡NYC**

WE♡NYC איז א קאמפיין אריבער פארשידענע פעלדער צו ארויסווייזן די סיטי'ס שטארקייטן און מאביליזירן ניו יארקער צו זיכער מאכן אז עס פארבלייבט די גוואלדיגסטע שטאט אין די וועלט. די קאמפיין אריבער די סיטי פייערט ניו יארקער וועלכע מאכן אן אונטערשייד — די 'טוהער' – און עס ברענגט געלעגנהייטן פאר באטייליגונג פון די פובליקום אז יעדער זאל זיך קענען אנשליסן. קיין שום שטייער געלטער ווערן נישט גענוצט פאר די אונטערנעמונג, און אלע ניו יארקער זענען פארבעטן צו נעמען א חלק אויף welovenyc.nyc.

**איבער Atlantic Records**

Atlantic Records פייערט איר 75'סטע יארטאג אין 2023. געגרונדעט אין ניו יארק סיטי, איז די 'לעיבעל' בוכשטאבליך ארויסגעוואקסן פון א קליינע אפעראציע אין איין צימער צו ווערן איינס פון די וועלט'ס מערסטע אנגעזעהענע מוזיק פירמעס. Atlantic האט ארויסגעגעבן א רייע רעקארדירונגען וועלכע האבן געהאט א טיפע איינפלוס אויף מאדערנע מוזיק, מיט א רייכע היסטאריע וואס רעכנט אריין לעגענדארע מוזיקאלישע פיגורן ווי רעי טשארלס, אריטע פרענקלין, דזשאן קאלטרעין און לעד זעפעלין. די ליסטע מוזיקאנטן פון די Atlantic Records Group רעכנט היינט אריין פילע פון די וועלט'ס מערסטע פאפולערע זינגער און סאַונדטרעקס פון פילמס. זינגערס און בענדס ווי קעלי קלארקסאן, ברוּנאו מארס, עד שירען, קארדי בי, סיע, Coldplay, טשארלי פוּט, דזשאנעל מאָונעי, דזשעק הארלאָו, Death Cab for Cutie, Matchbox Twenty, ליל אוּזי ווערט, גוּטשי מעין, מעלעיני מארטינעז, ראב טאמאס, סקרילעקס, ראדי ריטש און פיל מער, און אזוי אויך סאַונדטרעקס פון פילמס אריינרעכענענדיג The Greatest Showman, Hamilton, Fast and Furious, Suicide Squad, Birds of Prey, Jagged Little Pill The Musical, די Spinning Gold סאַונדטרעק און נאך.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418